דעם 4טן יולי 1967

דער טאָג פון דער גרויסער אמעריקאַנער רעוואָלוציע. צי הערסטו
ניט אין דער ווײַטנס די היסטאָרישע קלאַנגען: די רוסן קומען! די
רוסן קומען! און איצט קומט אמעריקע אויף אַלע פראָנטן פאַר
פרײַהייט; צו באַפרײַען אמעריקע פון אירע נעגערס, צו באַפרײַען
דרום-אמעריקע פון אירע אָרעמע לײַט (פּאָטענציעלע קאָמוניסטן) און
צו באַפרײַען וויעט-נאַם פון איר גאַנצער באַפעלקערונג. נישקשה.
ס'האָבן טאַקע געלוינט די „רעוואָלוציע"
איך וויל דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך בין דיר אַ בעלער מקנא וואָס
דו אַרבעטסט ~~[illegible]~~ האָסט שפּראַך-אַטלאַס. אָבער פון דער אַנדערער זײַט ווײס איך
אַז וויפל איך האָב ניט ליב שרײַבערס געזעלשאַפט, וואָלט איך זיך
ניט געקענט אויסהאַלטן מער ווי אַ וואָך זײַט אויף אַ מאָל. בײַ
אים אין דער היים זע איך ווי ענג מײַן אייגן וועלט איז געוואָרן,
און איך פּרוּוו זיך אַרויסברעכן דערפון, בײַ דיר איז אַנדערש די
לאַגע, ווײַל קינדער דערוואַקסן פון דיר ניט צו צאָלן ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער
יד. לעצטער וואָך האָב איך טאַקע ווען דעם געהאַט אַ לאַנגען שמועס
מיט מײַן שוועסטער רות. זי האָט מיר איבערגעוויזן אַז איך האָב נאָך
ערטלעכע ברירות אויף אויסצוקלײַבן. ערשטנס קען איך אויסקלײַבן
אָדער דעם געביט פון הײַנטצײַטיקער ייִדישקייט אָדער דעם עלטערן
געביט פון ייִדישער ליטעראַטור. וואָס איז דער חילוק, פרעגסטו? אַ
גרויסער חילוק. הײַנטצײַטיקע ייִדישקייט (וואָס דאָס מײנט אָדער גאָר,
אָדער גאַרניט) פאָדערט אַ ברײטערע צוגרייטונג, בפרט אין ייִדישער
געשיכטע. דאָס קען פירן צו אַ קאַריערע אין דער פּובליציסטיק
און אַפילו אין דער ייִדישער פּאָליטישער וועלט. רות האַלט למשל
אַז עס דערנענטערט זיך די צײַט ווען אויף דער ייִדישער גאַס
וועט אויסוואַקסן אַ נײַער פּאָליטישער אָריענטירונג וואָס וועט

פֿאַרנומען דאָס אָרט פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מסתמא איז
דאָס אַ נאַיִווע האָפֿענונג, האָט קען איך אַ מאָל זײַן נאַיִוו; אָבער
פֿונדעסטוועגן איז קלאָר אַז אַ מענטש מיט אַ גוטער דערציִונג פֿאַר דער
ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט קען האָבן אַ שטאַרקע השפּעה.
אויב איך וויל זיך אויסקלײַבן בלויז ייִדישע ליטעראַטור (מיט העברעיִש ווי
אַ side kick) מוז איך האָבן אַן אַנדערע דערציִונג אין גאַנצן.
דאָ מוז דער טראָפּ זײַן אויף שפּראַכן, אויף סטיליסטיק און אַלע
אַנדערע אַספּעקטן פֿון ליטעראַטור. איך ווייס אַז אויב איך ווידמען זיך
אויסשליסלעך צו ייִדישער ליטעראַטור, קען איך נאָך אַ סך יאָר דערגרייכן
די סאַמע הייכן פֿון אויסצייכענונג, וואָס דאָס איז [redacted] דער ציל [redacted]
אינטעלעקטועל [redacted], דאָ איז אויך די סכּנה ניט אַזוי גרויס
פֿון פֿאַרפֿירט ווערן אין זײַטיקע לימודים, חוץ האָט עטלעכע מאָל דער-
[redacted] מאַכט דאָס וואָרט „דערציִונג" אַז איך
זאָל פֿאַרשטיין ווי וויכטיק דאָס איז. דאָ אויך האָבן זיך געשאַפֿן צוויי
מעגלעכקייטן. די ערשטע האָט מיר ד״ר מאַקס ווײַנרײַך פֿאָרגעלייגט בשעת
מײַן באַזוך אין ניו-יאָרק. דאָס באַשטייט פֿון אַ מין פּראָאַספּי-
ראַנטור אין ייִוואָ — אַ טרענירפּראָגראַם פֿון אַ יאָר און אַ
בשותּפֿותדיקער לערנפּראָגראַם מיט קאָלאָמביער אוניווערסיטעט, אַזאַ
פּראָגראַם וואָלט זיך צוגעפּאַסט צו מײַנע נויטן, אַזוי ווי איך וואָלט
מסתמא געווען דער איינציקער סטודענט. די צווייטע מעגלעכקייט
איז צו לערנען אין ירושלימער אוניווערסיטעט. וועגן דעם האָב איך
דערבײַלט פּראָפֿ' חנא שמערוק (פּראָפֿ' פֿון ייִדישער ליטעראַטור)
וועלכער איז געווען בײַ רות'ן צו גאַסט פֿאַר עטלעכע טעג.
ער האַלט אַז ישׂראל איז דאָס איינציקע אָרט פֿאַר אמתער
פֿאָרשונג אין יודאַיִקאַ און ס'איז מעגלעך אַז ער איז גערעכט.
דאָ וואָלט איך זיך געמוזט צופּאַסן צו דער עקסיסטירנדיקער

...ראַם, און דאָ וואָלט איך געפֿונען קאָנקורענץ! ווי דו ווייסט, מײַן
...ר ברירות אַקטועל און צונויפֿדריש. גאָר צו דאַנקען וואָס איך
...אַ נאָך צוויי יאָר צו באַשליסן און וואָס און דער צווישנצײַט וועל
...ך מײַן [crossed out] אין ישׂראל ווי איך וועל זיך קענען אַרומקוקן.
...ר פֿאַרברענגען דאָ אין ק״פֿ קלאַס אויף אַ בורזשואַזן אופֿן, ווי
...ינדער שטײגער איז. מיר שווימען, מיר עסן און מיר שלאָפֿן
...לל, ווי אמתע פּריצים. [crossed out] –

יאָ, איך האָב צו דיר אַ **בקשה**, דהיינו, אַז דו זאָלסט
...שיקן 25 עקזעמפּלאַרן פֿונעם 96טן נומער. כ׳האָב געגעבן געלט
...זאָל עס טאָן, אָבער איך האָב מורא אַז ער האָט עס ניט
...ווייסן, אויב דו שיקסט זיי פֿאַרן 12טן, איז שיק זיי אָבער קיין
...״פֿ קלאַד. אויב שפּעטער (אָבער ניט קיין סך שפּעטער, ווײַל איך פֿ...
...אַ וואָך דעם 13טן), איז שיק זיי קיין מאָנטרעאַל. אין
...רדטן מינוט, אויפֿן עראָדראָם, ווײַל איך זיי ניט באַקומען,
...ך ליין איצט די געזאַמלטע דערציילונגען פֿון יצחק באַבעל. ער
...ז באמת געווען אַ [crossed out] שרײַבערישער גאון.
...ן, דך דיך און דעם רינט פֿון מיר די שוויס. ס׳איז אוממעגלעך צו
...עפֿן ווען מ׳ער ניצט אַ קאַמף, און ווען אַ פּתח. * איך חזר איבער
...שר באַנײַען מיר אונדזער קאָרעספּאָנדענץ אויפֿן רעכטן פֿוס מיט
...בריוועלע פֿון דיר אַהער? אין די ווײַטע מרחקים איז תמיד
צו באַקומען אַ ייִדישן בריוו.

אַל דאָס גוטס,
דײַן
דוד-הירש